שיעורי כ"ק אדמו"ר מפנים מאירות דסיקסא שליט"א
ראש השנה תשפ"ה // שנה ו' // גליון רכ"ח

# א ליכטיגן תמיד

אודיאָ

פנים מאירות

אנגעמען דאס לעבן - מיט א רואיגקייט
דורך אמונה שלום בטחון און שמחה

## אור הבוקר

טעימה קלה פון די 'לעכטיגע גוטע מארגן – אשב"ש' שמועסן

זונטאג נצבים תשפ"ב

# ה' באור פניך יהלכון

ואחר כך התחיל לבאר שהחסד הנמשך על התחתונים ראוי שיהיה נמשך בעם היותר נבחר, והם העם היודעים להודות לשם יתברך, ועל כן אמר אשרי העם יודעי תרועה (תהלים צ"ה ב'), רוצה לומר יודעים להודות לך, כי תרועה כמו בזמירות נריע לו, והעם הזה הם ראויים שיהלכון באור פניך, כלומר שימשך להם החסד והאמת הנמשכים מאור פניך כמו שאמרנו, לפי שהם יגילו בשמך כל היום וירומו בצדקתך ויתהללו בשם קדשך ויודו כי אתה סבת הצלחתם, והם מכירים כי תפארת עוזמו אתה וכי ברצונך תרים קרננו. (ספר העיקרים מאמר ד פרק נ)



### 'פנים מאירות' די סימן טוב און די סגולה זוכה צו זיין בדין און פארשריבן ווערן צו א כתיבה וחתימה טובה

**תוכן המאמר: ה' באור פניך יהלכון;** הקבלה טובה – לשחוק! / העולם צריך לאותן שמסובבים ב'פנים מאירות / לומר בראש השנה 'כל מה דעביד רחמנא לטב' לסימן טוב / לא לדבר מילים שאין בהם מתיקות וחסד והחמים / להיות בשמחה עם הקושיים כי המה מצוות הפרטיים שלי מה / לצעוק המלך בלב אמיתי.

### די קבלה טובה - שמייכלען!

עטליכע טעג פאר ראש השנה, איז א איד צוגעגאנגן צו רבי אביגדור מילער זצ"ל, און ער האט אים געבעטן אן עצה, וועלכע 'קבלה טובה' זאל ער זיך מקבל זיין אויפן נייעם יאר, כדי דער הייליגער באשעפער זאל בזכות זה, אים געבן א כתיבה וחתימה טובה, הצלחה מיט סייעתא דשמיא, א לעכטיגע און פרייליכע יאר.

האט ער אים געענטפערט: "א שמייכל!". דער איד האט געמיינט, אז רבי אביגדור מילער האט נישט פארשטאנען וואס ער פרעגט אים, האט ער אים נאכאמאל געפרעגט: "איך פרעג פונעם רב, וועלכע קבלה טובה זאל איך מקבל זיין, אז איך זאל זוכה זיין בדין?". האט אים רבי אביגדור געענטפערט: "צו שמייכלען!". האט דער איד געטראכט: זעט אויס, אז רבי אביגדור מילער איז שוין אויף די עלטערע יארן, ער הערט נישט אזוי גוט, ער כאפט נישט די שאלה.

ר' אביגדור מילער האט פארשטאנען, וואס דער איד טראכט, זאגט אים רבי אביגדור: "איך הער זייער גוט, און איך ווייס זייער גוט, און דאך ענטפער איך דיר, זאלסט אויף דיר מקבל זיין צו שמייכלן!". האט זיך דער איד אנגערופן: "צו ווער זאל איך שמייכלען? ווען? וואו?"...

**די וועלט דארף האבן די אידן וועלכע גייען ארום מיט א 'פנים מאירות'**

האט רבי אביגדור געענטפערט אזוי: יעדע געשעפטסמאן, יעדע סוף יאר, מאכט מען גרויסע חשבונות, צו די געשעפט איז מרויח, עס מאכט ריוח, אדער עס פארלירט. מען מאכט אלע חשבונות צו זען וואס מען דארף מתקן זיין, וואס מען דארף מער טון, וואס מען דארף משנה זיין.

עס איז געווען אמאל א גרויסער עושר, וואס ער האט געהאט א קייט געשעפטן אסאך געשעפטן און פילע שטעט און מדינות. איין מאל האט ער צאמגענומען אלע פירערס פון די אלע געשעפטן, און מען האט זיך אראפגעזעצט מאכן חשבונות. יעדע געשעפט וואס עס ברענגט אריין, וויפיל מען פארקויפט, וואס מען דארף מאכן פרישע, וואס מען דארף ארדערן, וואס עס לוינט זיך, וואס עס לוינט זיך נישט. און אזוי איז מען אדורכגעגאנגן יעדע אפטיילונג, וויפיל ארבעטערס ארבעטן דארט, וויפיל ווערן זיי באצאלט. עס איז טאקע אויסגעקומען ביי איינע פון די געשעפטן, אז עס איז דא צופיל ארבעטערס.

האט דער בעל הבית געזאגט פארן מענעדזשער: שרייב מיר אראפ די נעמען פון אלע ארבעטערס, און לאמיר אויסשמועסן וועם מען גייט אוועקשיקן, ואון וועם מען גייט לאזן. דער בעל הבית האט געזאגט וועמען צו אוועקשיקן, פאר דעם מענעדזשער איז נישט אנגעגאנגען, וועם דער בעל הבית וויל, וועט מען אוועקשיקן. ווען מען איז אנגעקומען צו איינעם, האט זיך דער מענעדזשער אנגערופן: "איך בעט דיך, אים שיק נישט אוועק, ער מוז זיין אין די געשעפט!".




פרעגט אים דער עושר: "וואס איז? וואס איז מיט דער מענטש?!".

זאגט דער מענעדזשער: "די שמייכל וואס דער מענטש געבט פאר די אלע קונים, זאלסטו וויסן, זייער אסאך פון די קאסטומערס וואס קומען אריין, קומען אריין פשוט צו באקומען זיין שמייכל! זייער אסאך מענטשן קומען אריין, נאר ווייל זיי ווילן מיט אים האנדלן! ער איז אזוי פריינטליך, ער נעמט יעדעם אויף בסבר פנים יפות, ער גריסט יעדעם איינעם, עס איז זייער א וויכטיגע זאך צו האבן דער מענטש, אים קען מען נישט אוועקשיקן!". האט דער בעל הבית מסכים געווען, טאקע דער וואס שמייכלט ברענגט אריין די מערסטע קאסטומערס, און אים גייט מען טאקע נישט אוועקשיקן.

זאגט רבי אביגדור מילער: איינמאל א יאר שטעלט מען זיך אראפ אויבן אין הימל, מען מאכט א חשבון, 'כל באי עולם עוברין לפניו כבני מרון', יעדער באשעפעניש פון די וועלט גייט א דורך פארן הייליגן באשעפער

עקסטער, און דער הייליגער באשעפער מאכט אסאך החלטות. אזויווי מען זאגט ביי 'ונתנה תוקף', אבער דער וואס ער לייכט, דער וואס ער שמייכלט, דער וואס ער געבט א 'סבר פנים יפות' פאר אידישע קינדער, אויף אים זאגן די אלע סניגורים "רבוש"ע! די וועלט דארף אים! זיין שמייכל, זיין ווארימקייט צו אידן, אזויפיל אידן ווארטן אויף זיין גוט ווארט און אויף זיין שמייכל, אים מוז מען לאזן לעבן, ער מוז האבן פרנסה, ער מוז האבן א גוטע יאר, ער זאל קענען אנגיין מיט זיין גרויסע ארבעט!".

מיר דארפן צו וויסן, עס קומט א נייע יאר. דארף מען אויף זיך מקבל זיין מער צו שמייכלן, מער ארויסווייזן אהבת הקב"ה, אהבת התורה, מער ארויסווייזן אהבת ישראל, מער זיין מיט א פנים מאירות, עס זאל באמת לייכטן, וואו איך שטיי און גיי בין איך פריילך, איך בין רואיג, איך ווער נישט צענומען.

'פנים מאירות' מיינט: מען ווערט נישט נתפעל פון איינער וואס ער זאגט מיר זאכן וואס איך בין אטאקירט געווארן. איך ווער נישט בייז אויף קיינעם, איך ווער נישט צעמאלן, איך ווער נישט צענומען.

עס איז דא אזויפיל מענטשן וואס האבן א נאטור, אז ווען איינער זאגט עפעס, אדער עפעס געשעט - פאר צוויי דריי וואכן בין איך אויס מענטש, מען פאלט אריין אין אזא אראפגעלאזטקייט, אין אזא שלאפענדיקייט, אין אויפגעבן ח"ו. מיר ווילן האבן אריכות ימים, און איינער וואס האט א 'פנים מאירות' דארף האבן אריכות ימים, ווייל די וועלט דארף האבן יעדער איד וואס האט א 'פנים מאירות', ווייל עס איז דא אזויפיל אידן וואס ווארטן אויף דיין שמייכל און גוט מארגן, אזויפיל אידן ווארטן זיי זאלן זיך קענען אויסגעבן זייער שווער הארץ אויף דיר.

עס איז דא אידן וואס דורך דעם וואס זיי שרייען און האבן טענות אויף דיר, געבן זיי זיך אויס זייער שווער הארץ, און דו דארפסט זיין אויף די וועלט פאר דעם צוועק, עס איז דא אסאך וועגן וויאזוי מען געבט זיך אויס, אבער די וועלט דארף דיין שמייכל און רואיגקייט. דאס איז די קבלה טובה וואס מען דארף זיך מקבל זיין, כדי מען זאל זוכה זיין בדין.

## זאגן ראש השנה 'כל מה דעביד רחמנא לטב' אלס סימן טוב

מיט דעם קען מען פארשטיין, דאס וואס שטייט אין שולחן ערוך (סימן תקפ"ג ס"א), דער מחבר ברענגט דארט אלע סימנים וואס מען עסט ראש השנה אלס א סימן טוב. עס קומט אויס אין שו"ע, אז מען דארף עסן גוטע און זיסע זאכן אלס א סימן טוב, עס זאל זיין א זיסע גוטע לעכטיגע יאר. זאגט רבי שלמה קלוגער: די כוונה איז נישט אלס א 'דרך תפילה', בשעת'ן עסן דאוונט מען נישט, עס איז נישט קיין זמן תפילה בשעת א סעודה. עס איז א זמן פון בטחון און אמונה, אז מען ווייזט פארן הייליגן באשעפער, עס איז טאקע ראש השנה, און עס איז דא אן אימה און פחד פונעם יום הדין, אבער איך גלייב און איך בין פארזיכערט אינעם הייליגן באשעפער, אז מיר וועלן האבן א גוטע יאר. ברענגט ער פון איינע פון זיינע דרושים (פרשת כי תבוא תרי"ב), אז ראש השנה דארף א מענטש זיין פריילך און זאגן 'כל מה דעביד רחמנא לטב', אלעס וואס דער הייליגער באשעפער טוט איז גוט, ווייל מען דארף דאך אסאך סימנים לטובה, מען עסט, מען זאגט 'יהי רצון'ס, דארף מען דורך'ן טאג ראש השנה, כסדר זיך ארום דרייען בשמחה, און זאגן, אלעס וואס דער הייליגער באשעפער טוט

איז גוט, און אזוי ווערט אלעס נתהפך לטובה. און ממילא זאגט ער ראש השנה נאך שחרית, מען ענדיגט דאווענען מוסף, זאל מען זאגן 'כל מה דעביד רחמנא לטב עביד - גם זו לטובה', מען ענדיגט מנחה, מען ענדיגט מעריב, לייגט מען צו א סימן טוב, און מען זאל זאגן: 'כל מה דעביד רחמנא לטב עביד - גם זו לטובה'. און וועגן דעם האט מען טאקע מתקן געווען - זאגט ר' שלמה קלוגער - צו עסן מאכלים טובים ומתוקים און זאגן די אלע יהי רצון'ס, אז אויב ח"ו עס איז נגזר געווארן אויף א מענטש פארקערט - דער הייליגער באשעפער זאל אפהיטן - דורך זאגן די ווערטער 'לטב ולברכה' ווערט עס נתהפך, און עס ווערט טאקע לטובה ולברכה, אמן כן יהי רצון.

**נישט רעדן ווערטער וועלכע האבן נישט קיין מתיקות און חסד ורחמים**

אין משך פון די גאנצן טאג ראש השנה, זאל א מענטש קיינמאל נישט ווערן אין כעס, און קיינמאל נישט ארויסזאגן קיין שום ווערטער וואס עס איז נישט גוט. זאלסט נישט שרייען, זאלסט זיך נישט רעגן, און זאלסט נישט זאגן קיין שארפע ווערטער, און נישט קיין סטראשן ווערטער, און נישט ווערטער ווי א דורכפאל. די אלע ווערטער איז נישט קיין סימנא טבא. מען עסט נישט קיין זויערע זאכן, מען עסט נישט קיין ניסלעך וואס עס איז מרמז אויף חטא, מען עסט נישט זאכן וואס ווייזן אויף גבורה, מען עסט נאר זאכן וואס ווייזן אויף אהבה, אויף מתיקות, אויף זיסקייט, אויף חסד, אויף רחמים, אויף טובה ברכה - די זעלבע זאך מיט רעדן, מען רעדט נאר ווערטער וואס איז מתיקות און האט אין זיך חסד ורחמים.

**זיין בשמחה מיט די שוועריגקייטן ווייל עס איז מיינע פערזענדליכע מצוות פון באשעפער**

א איד איז געווען ביי מיר, און ער הייבט אן פארציילן זיינע פראבלעמען, און זיינע קינדערס פראבלעמען. דער הייליגער באשעפער האט אזוי צוגעפירט, אז דער איד האט קינדער וואס מוטשענען זיך, און אויך זיינע קינדער האבן קינדער וואס מוטשענען זיך. און ווען זיינע קינדער קומען צו אים אויף יום טוב ווערט ער זייער צעבראכן און צענומען, ווייל ער האט אזא ווארים הארץ און געפילן צו זיינע קינדער, אז עס טוט אים באנעמען זייער אפמוטשעניש וואס זיי האבן מיט זייערע קינדער.

האבן מיר זיך אויסגעשמועסט מיט דעם איד, און מיר זענען אריינגעגאנגן אין די ענינים, און עס איז אויסגעקומען א מורא'דיגע זאך:

עס קומט ראש השנה, און א מענטש הייבט אן טראכטן זיינע שוועריגקייטן פון די פאריגע יאר, זיינע דורכגאנגן, און גלייך הייבט ער אן טראכטן: עס קומט א נייע יאר וואס וועט זיין מיט די אלע זאכן?...

די אלע מחשבות זענען נישט קיין סימנא טבא, דאס איז דאך מחשבות פון נישט גוט, עס איז שארפע מחשבות, זויערע מחשבות. אונז טאר מיר דאך נישט ראש השנה עסן קיין זויערס, און זאכן וואס ווייזן אויף נישט גוט. און די זעלבע זאך טאר מען אויך נישט רעדן און נישט טראכטן קיין זויערע זאכן, און זאכן פון נישט גוט.

ווען א מענטש הייבט אן טראכטן: "וואס איז מיין תפקיד אין אזא צייט?".

די תשובה אויף דעם איז: מיין תפקיד איז צו טון די רצון השם. דער הייליגער באשעפער האט געגעבן פאר כלל ישראל תרי"ג מצוות, דאס איז פאר כלליות ישראל, פארן גאנצן כלל ישראל. חז"ל האבן צוגעלייגט מצוות, מיט גזירות, מיט מנהגים, מיט מסורה, דאס איז אויך אלעס פאר כלליות פון כלל ישראל. אבער עס איז דא מצוות וואס דער הייליגער באשעפער באפעלט פאר יעדער איד עקסטער. יעדער איד באקומט פונעם אייבערשטן א גאנצן רשימה פון מצוות, וואס נאר ער קען מקיים זיין די מצוות. די מצוות שטייט נישט אין די תורה בפירוש, ווייל דאס זענען מצוות פאר דעם מענטש פערזענדליך.

וואס זענען די זאכן וואס דער הייליגער באשעפער באפעלט פאר יעדער מענטש פריוואט?

דאס זענען די געשעענישן אין די לעבן פון א מענטש, זיינע גוטע מצבים און זיינע שווערע מצבים, זיין בין אדם למקום, זיין בין אדם לחבירו, זיין רוחניות און גשמיות, יעדע מקום יעדע זמן, יעדע אופן וויאזוי עס זאל נאר זיין. די אלע זאכן זענען זיינע מצוות, און דער הייליגער באשעפער בעט ביי דעם איד: "מיין קינד, עס איז מיינע מצוות וואס איך באפעל נאר פאר דיר, איך געב דיר די מצוות, טו עס בשמחה, טו עס פרייליך, זיי עס מקבל באהבה!". און דורך דעם וואס א איד טראכט זיך אריין אין דעם, אז די אלע שוועריגקייטן וואס א איד גייט אדורך, וואס זיינע קינדער גייען אדורך, דאס זענען מצוות פונעם אייבערשטן, דאס איז די רצון השם, און מיר גייען טון די מצוות מיט שמחה, די גאנצע משפחה קומט אריין אין א לופט "אונז טו מיר מצוות!" נישט מען קוקט זיך אן "מיר זענען א פאר'צרה'טע שטוב, אזויפיל צרות, אוי רבוש"ע?! נאר אונז?!".

מיר דרויסענדיגע מענטשן דארפן אזוי טראכטן, מיר דארפן טאקע יא טראכטן אזוי, און בעטן און איינרייסן פאר א ישועה פאר דעם איד, און מיטשפירן און ארויסהעלפן מיט וואס מען קען. אבער די אידן דארפן שפירן א לופט, אז זיי האבן א זכיה, דער הייליגער באשעפער האט זיי געגעבן מצוות, און זיי טוען דאס בשמחה. עס איז נישט דא קיין גרעסערע בעל רחמנות ווי דער רבונו של עולם אליין, נישט רחמנות בעט דער אייבערשטער פון אונז אין אזא צייט. אוודאי מען דארף ארויסווייזן געפילן פון רחמנות, אבער דער רבוש"ע פאדערט אין אזא צייט: טוט מיינע מצוות בשמחה.

דאס איז אונזער עבודת הקודש אין די הייליגע ימים נוראים, אין די הייליגע ימי הרחמים והרצון.

**שרייען המלך מיטן אמת'דיגן הארץ**

דער היליגער רבי משה קאברינער זצ"ל, פלעגט פארציילן יעדע יאר, ראש השנה פארן דאווענען, די פאלגנדע מעשה: אין רוסלאנד איז געווען יארן צוריק דער צאר, דער קייסער, ער האט געהאט א געוואלדיגע עשירות, און א בן יחיד. דער בן יחיד פארשטייט זיך, האט באקומען אלעס וואס ער האט נאר געוואלט. ווען דער קינד איז גרויס געווארן, ער האט אפילו נישט געוואוסט וויפיל הכרת הטוב ער דארף האבן פארן צאר, און נישט נאר דאס, נאר ער האט זיך אסאך מתחצף געווען, ער איז געווען א געספוילטער, ער האט זיך נישט אויפגעפירט וויאזוי עס באדארף צו זיין, און ער האט אויך אנגעפאנגן פארשעמען די גאנצע מלוכה, און עס איז שוין געווארן אומדערטרעגליך.

זענען געגאנגן די שופטים פונעם מלך, און זי האבן מחליט געווען, אז מען דארף דעם קינד ח"ו הארגענען, ער איז א מורד במלכות, עס איז נישט שייך עפעס אנדערש.

ווען עס איז געקומען די טאג וואס מען האט געדארפט ארויסגעבן די משפט, און אמאל ווען מען האט ארויסגעגעבן די משפט, האט מען עס מקיים געווען אויפן פלאץ. די צאר מיט די מלכה מיט די גאנצע פמליא האבן זיך ארויפגעזעצט אויף פערד און וואגן, זיי גייען מיטהאלטן. די טאטע, זיין הארץ איז אים אויסגעגאנגען פאר זיין קינד. ער האט געזאגט פאר זיין קינד: "עס טוט מיר זייער וויי, אבער איך קען גארנישט טון, עס איז דא געזעצן אין די מלוכה, מען האט דיר דן געווען פאר א מורד במלכות, עס איז גארנישט דא וואס מען קען טון!".

זאגט דער קינד פארן טאטען, דאס פארשטייט ער, אבער ער וויל האבן רשות צו זאגן א לעצטע בקשה. האט דער מלך געזאגט: אוודאי. האט ער געזאגט, אז זיין בקשה איז, צו לויפן פאראויס פאר זיין טאטע, פארן מלך און די מלכה, און שרייען מיט די גאנצע הארץ: "יחי אדונינו הצאר לעולם! יחי אדוננו הצאר לעולם! לעבן זאל דער צאר אויף אייביג!". ער וויל די לעצטע זאך אין די לעבן דאס טון. מען האט אים געגעבן די רשות, און ער האט אנגעפאנגן לויפן פארן מלך, און געשריגן הויעך "לעבן זאל דער צאר לעולם!". אזויווי די טאטע האט דאס געזען, האט ער געהערט אין די שטימע פון די קינד, אז דאס קומט פון די אמת'ע טיפקייט פון זיין הארץ.

איז דער מלך געגאנגן, און ער האט אים פאראדאנט. די הארץ איז אים אויסגעגאנגן, אזא מין לעצטע בקשה? מען דארף אים פאראדאנען, מען דארף אים פריי לאזן.

האט דער הייליגער קאברינער אויסגעפירט: אונז זאג מיר ראש השנה פארן הייליגן באשעפער, עס קען זיין אז דורכ'ן יאר האבן מיר זיך פארזונדיגט פאר דיר, און עס קומט אונז א שטארקע עונש דערויף. אבער טאטע! פאר דו ענדיגסט די גזר דין, ווילן מיר שרייען "המלך". און דער הייליגער באשעפער זעט, אז דאס קומט פון די טיפעניש פון הארץ, און דער הייליגער באשעפער זאגט: "נו אונזערע טייערע קינדער, מיין הארץ גייט מיר אויס פאר אייך - א כתיבה וחתימה טובה און א גוט געבענטש יאר!".

**...לאמיר זיך אלע מחזק זיין, שרייען המלך, אין עוד מלבדו, עס איז נישט דא עפעס אנדערש, 'אמת מלכינו אפס זולתו' און 'כל מה דעביד רחמנא לטב'...**

לאמיר זיך אלע מחזק זיין, שרייען המלך, אין עוד מלבדו, עס איז נישט דא עפעס אנדערש, 'אמת מלכינו אפס זולתו' און 'כל מה דעביד רחמנא לטב', איך גלייב באמת, אלעס וואס דער הייליגער באשעפער טוט איז גוט, וועט דער הייליגער באשעפער אונז פארשרייבן א כתיבה וחתימה טובה און א גוט געבענטשט יאר, און א לעכטיגן תמיד, אמן כן יהי רצון.

## מעשה בחסיד אחד

# "יא, דאס איז די שעיר לעזאזל!... איך ווייסט נישט וואס איך האט געטון מיט מיר ר' איד"...

א איד האט פארציילט, זייער א בעלערנדע מעשה:

ער האט געלערנט אין א כתה, וואס אין די כתה האבן געלערנט צווילינג ברודער, זיי האבן אויסגעקוקט אינגאנצן די זעלבע, זיי האבן געהאט די זעלבע נאטורן. אבער כשרונות האבן זיי נישט געהאט די זעלבע. אין די צייט וואס איין קינד האט געהאט געוואלדיגע כשרונות, געלערנט, געדאווענט, התמדה, מידות טובות, א גוטן צינגל, א געשמאקע קינד, ב'חנ'ט. איז דער אנדערע ברודער געווען ממש להיפך, מער א פוילער, און נישט אזוי געניצט די קאפ, און נישט אזוי באליבט, און נישט אזוי בא'טעמ'ט, און נישט ארויסגעזאגט קיין קלוגע מאמרים פון זיין מויל, און עס איז געווען זייער א שווערע מצב צווישן די צוויי צווילינג.

איינמאל האט דער מלמד פארגעלערנט פאר יום כיפור אז עס איז געווען אין בית המקדש צוויי שעירים, איינס איז געווען לשם, און איינס איז געווען לעזאזל, און עס שטייט אין חז"ל אז די צוויי שעירים האבן געדארפט זיין די זעלבע הויעך, די זעלבע צורה, ממש די זעלבע. און אויף איינעם האט מען ארויפגעלייגט די גורל לשם, און אויף איינעם איז געווען די גורל לעזאזל. איינער איז געגאנגען אין בית המקדש, און איינער האט מען אראפגעטראסקעט אויף די עזאזל. אזויווי דער מלמד זאגט דאס אין די כתה, רופט זיך אן א יונגל אויף זיך, 'איך בין דער שעיר לעזאזל!'... דאס איז געווען נעבען דער צווילינג וואס איז נישט געווען אזא בעל כשרון, אזוי געלונגען.

דער מלמד האט זיך געמאכט אז ער הערט נישט, און ווייטער פארגעלערנט. ווען עס איז געקומען פאזע, פרעגט דער מלמד פון די יונגל: "וואס האסטו זיך אנגערופן ווען מען האט געלערנט פון די שעירים?!". האט ער געזאגט "יא יא, איך בין דער שעיר לעזאזל!". פרעגט אים דער מלמד "פארוואס?". קודם האט ער נישט געוואלט ענטפערן. דער מלמד האט אים זייער אנגעווארימט, האט ער געזאגט די אמת, מיט טרערן אין די אויגן האט ער געוויינט, אז זיין צווילינג ברודער איז אזוי געלונגן ברוחניות ובגשמיות, און אים גייט גארנישט, ער שפירט זיך ממש ווי א שעיר לעזאזל ח"ו.

האט אים דער מלמד געזאגט אזוי: עס איז דא א גרויסע חילוק צווישן דיר און די שעיר לעזאזל. די שעיר לעזאזל האט נישט געהאט קיין בחירה, אזויווי מען האט ארויסגענומען די גורל, און מען האט ארויפגעלייגט די צעטעלע, אין די צעטעלע איז געשטאנען לעזאזל, אן קיין ברירה ער מוז גיין, מען דארף טון די רצון ה', מען האט אים געצווינגן צו גיין. דו מיין טייער קינד, דו האסט בוחר געווען צו זאגן אז דו ביסט א שעיר לעזאזל, דו קענט אבער בוחר זיין, אז דו ווילסט זיין להשם, עס איז בידך. דו קענסט זיך טוישן, דו קענסט אוועקשטעלן א נייעם לעבן, דו האסט כוחות. די פראבלעם איז, אז דו טראכסט אז דו ביסט א שעיר לעזאזל.

וועסטו טראכטן אז דו ביסט א שיער להשם, וועסטו שפירן אנדערש.

יארן זענען פאריבער, דער מלמד איז שוין פארעלטערט געווארן, און ער איז געלאדענט געווארן צו א חתונה. ער איז אנגעקומען צו די קבלת פנים, און מעןווארט אויף דער ראש ישיבה פונעם בחור, זאל קומען מסדר קידושין זיין. דער ראש ישיבה קומט אריין, און דער עלטערע איד - דער אמאליגער מלמד - האט אים אנגעקוקט. ער פרעגט פון איינע פון די אנוועזנדע, וואס די נאמען פון דעם ראש ישיבה איז, און יענער זאגט אים זיין נאמען. און דער ראש ישיבה זעט, ווי דער עלטערער איד קוקט אויף אים און ער באטראכט אים. גייט ער צו, און ער זאגט צו אים, "יא, דאס איז די שעיר לעזאזל!... איר ווייסט נישט וואס איר האט געטון מיט מיר ר' איד, אזויווי איר האט מיר געגעבן די ווארימע ווערטער און די חיזוק, אז עס איז בידי צו זיין די שעיר להשם, איך האב מיר אזוי' אריינגעלייגט אין תורה עבודה און יראת שמים, מיט אזא אמונה פשוטה אינעם אייבערשטן אז עס איז בידי, איך קען עס באווייזן, יא! היינט פיר איך א ישיבה! איך בין א ראש ישיבה!".

יעדער איד דארף אפמאכן ביי זיך: "איך בין דער שעיר להשם, און איך קען!". וועט מען אנקומען. און דאס איז א סימן טוב פאר די קומענדיגע יאר. נישט א גאנץ ראש השנה זיין פארנומען "איך האב יא אינזין געהאט, איך האב נישט אינזין געהאט? איך האב יא יוצא געווען, נישט יוצא געווען?" נאר די מחשבה דארף זיין: "יא, איך קען, איך בין כולו להשם!".

צו ערהאלטן דעם גליון אדער אנדערע גליונות פונעם מערכת שיקט צו:
gilyonospm@gmail.com



גליון

# מאור המועד

## ראש השנה תשפ"ה

מאמר: מלכיות – כדי
שתמליכוני עליכם
די ספעציעלע עבודה בזמנינו

מאת כ"ק מרן
אדמו"ר שליט"א

יצא לאור
על ידי מערכת פנים
מאירות סיקסא



מערכת פנים מאירות
מכון להוצאות שיעורי כ"ק מרן אדמו"ר מפנים מאירות סיקסא שליט"א

יכולין לשמוע השיעורים:
בקול פנים מאירות
ארה"ב: -845-414-8211
845-414-0076
א"י: 072-370-1823
ענגלאנד: 0330-350-3190
ארגענטינע: 5411-2152-7691
אנטווערפן:323-346-0673
לקבל הגליון ושאר גליונות מהמערכת יפנו:
gilyonospm@gmail.com
גם יכולין לשמוע השיעורים על: קול הלשון/פנים מאירות

# שיעור הכנה לראש השנה: מלכיות - כדי שתמליכוני עליכם

די ספעציעלע עבודה בזמנינו

וואו איז אונזער פחד פון די ימי הדין?

הגאון רבי ישראל סאלאנטער ז"ל ברענגט: לכאורה איז שווער א קשיא, אין די פריערדיגע דורות ווען מען האט געבענטשט ראש חודש אלול, איז די וועלט אריינגעפאלן אין א פחד ביז נאך די הייליגע טעג, וואס איז געשען מיט אונז היינט?

> **אין די פריערדיגע דורות ווען מען האט געבענטשט ראש חודש אלול, איז די וועלט אריינגעפאלן אין א פחד ביז נאך די הייליגע טעג, וואס איז געשען מיט אונז היינט?**

דער זיידע [כ"ק אדמו"ר הגה"ק בעל ברכת שמים מקאשוי זצוק"ל] האט מיר געזאגט, אז פון ווען ער איז א קינד, איז פון ראש חודש אלול ביז נאך שמחת תורה איז אריינגעקומען אין די גופים אין די ביינער, א שינוי, מען האט געזען אן אלול אן תשרי, מען האט געזען אין די פעולות, אין די מחשבה דיבור מעשה, פון וועלכע טאג מען רעדט יעצט, צי עס איז סליחות, ערב ראש השנה, עשרת ימי תשובה, יום כיפור, די פיר טעג צווישן יום כיפור און סוכות, סוכות, חול המועד, הושענא רבה, שמיני עצרת, די גופים און די צורות האבן געַרעדט.

די לייכטקייט שטאמט ווייל אויף אלעם האבן מיר א וועג ארויס

עס ווערט געברענגט פון רבי יחזקאל לעווינשטיין ז"ל, אז דאס וואס מען זעט נישט היינט וואס מען האט געזען אמאל, איז נישט דווקא אן ענין פון ירידת הדורות, היינטיגע צייטן, אידן זיצן און לערנען, מען איז מדקדק כקלה כבחמורה, מען האט די טייערסטע תפילין, מען האט טייערע ציצית, א כשר'ע שופר - פונקט ביי די אימת הדין איז מען שטעקן געבליבן?!

האט דער משגיח רבי יחזקאל לעווינשטיין געזאגט: די וועלט איז צוגעוואוינט, אז יעדע פראבלעם האט א רפואה. אז מען קען נישט עסן איז דא אינטערווינעס, מען לייגט אריין א פייפ אין די מאגן. ער שפירט נישט גוט, אויף יעדע זאך איז דא נאטורליכע רפואות, עס איז דא עצות און סגולות. וואס דאס האט גורם געווען איז, אז ווען מיר טראכטן פון די יום הדין, פון די ימים נוראים - מיר האבן 'אנטיביאטיק'... פונקט ווי עס איז דא אנטיביאטיק בגשמיות, איז אויך דא אנטיביאק ברוחניות. מיר זענען אזוי

רגיל, אז אויף יעדע זאך איז דא אן עצה דערויף בגשמיות, עס איז דא ארגאניזאציעס, עס איז דא מקומות הקדושים, עס איז דא סגולות, מען האט זיך צוגעוויינט אז פראבלעמען שטעלט אונז נישט אפ, מען גיבט זיך אן עצה מיט די פראבלעם. אמאל ווען א איד האט געהאט אן אינפעקציע אויף די לונגען, איז אים געפאלן א פחד נורא, מען האט געפאסט, מען האט געטון תשובה. היינט, אויף יעדע זאך איז דא אן עצה, מיר לעבן אין א וועלט וואס דער אייבערשטער האט אונז צוגעוואוינט ברוך ה', אז אויף יעדע זאך איז דא אן עצה. ווען עס קומט די 'ימים נוראים' טראכטן אונז אז מען גייט זאגן סליחות, מען גייט דאווענען לאנג, ממילא האבן אונז נישט די פחד אזויווי אמאל.

### מען דארף אנערקענען מיר האבן נישט קיין וועג ארויס - עס איז תלוי בידינו

וואס איז אונזער ארבעט? די אמת איז, אז עס איז נישט קיין פראבלעם, מען דארף טאקע דאנקן דעם אייבערשטן, אז אין אונזער דור, די דור פון משיח, מיר האבן שוין נישט די כוחות דורכצוגיין אזויפיל שוועריקייטן, די רבונו של עולם ווייזט אונז א התגלות כבוד השכינה. אבער עס איז דא אן אנדערע שוועריקייטן, עס איז דא שוועריקייטן צו לערנען און דאווענען בעמקות, עס איז דא שוועריקייטן אין תיקון המידות, עס איז דא שוועריקייטן אין חינוך הבנים והבנות, מיר האבן נישט קיין צדיקים ווי דער בעל שם טוב הק' ותלמידיו. ממילא, עס איז טאקע דא רפואות אויף יעדע זאך ברוחניות אויך, אבער אין רוחניות דארף מען זיך מער טיפער אריינטראכטן, אז דאס איז בידינו. אלע אנדערע זאכן האט דער אייבערשטער אוועקגענומען פון אונז, עס איז דא דאקטוירים און שפיטעלער, אבער אין רוחניות דארפן מיר מער אריינטראכטן און אנערקענען, אז דאס איז תלוי בידינו, נישט מיין רבי, רב, צדיק, סגולות אדער מקומות הקדושים, גארנישט קען מיר נישט העלפן, עס איז בידינו, יעדער לויט זיינע כוחות, יעדער לויט וויפיל ער איז ביכולות.

### אונזער דור האט א נסיון וואס איז נישט געווען אמאל - מען דארף זיך אליינס נעמען אין די הענט אריין

די מהלך המחשבה דארף זיין, אז דער הייליגער באשעפער האט טאקע געהאלפן אז ברוחניות ובגשמיות איז זייער לייכט, עס איז געווארן גרינג צו דריקן ספרים, עס איז דא אלע מיני ספרים, וואס דארפן אונז טון צו דעם? נישט חס ושלום נעמען פאר לייכט די הייליגע טעג, נעמען פאר לייכט תשובה צו טון - נעם עס מיט אן ערנסקייט. אבער פון די אנדערע זייט, מיט די אמונה ובטחון, דער הייליגע באשעפער האט אן עצה אויף יעדע זאך. לאמיר נעמען די מצב הדור און זיך מתקרב זיין להקדוש ברוך הוא, תורה תשובה תפילה וצדקה, טאמער דער הייליגער באשעפער האט געהאלפן אז אויף יעדע זאך איז דא עצות, דארף מען נישט אזוי עוסק זיין אין גשמיות, דער דאקטאר דארף נישט דיין הילף. אבער אויף רוחניות דארף מען דיין הילף, דאס איז די נסיון וואס מיר האבן, וואס די פריערדיגע דורות האבן נישט געהאט.

**דאנקן דעם באשעפער אז אלעם איז טאקע לייכטער**

מיר דארפן דאנקן דעם אייבערשטן, אז ווען א איד קומט אריין ראש השנה אין בית המדרש, איז די טעמפראטור פונקטליך אזוי ווי עס איז גוט פאר ראש השנה פארמיטאג, ראש השנה נאכמיטאג, וואס דארפסטו טון? מאך א חשבון הנפש, רעד צום אייבערשטן, שטעל דיר אויס דיין סדר היום, שפיר אז דער אייבערשטער מאכט אונז אזוי גרינג ברוחניות ובגשמיות, כדי מיר זאלן ווערן נתקרב צום אייבערשטן, דאס איז וואס אונזער דור דארף טון.

**מיר דארפן מכיר זיין אז נאר דער הייליגער באשעפער קען אונז העלפן**

חז"ל זאגן (מובא בספר דגל המוסר עמ' 80 בשם ר' חיים זייצ'יק. ולשון חז"ל הוא (ילקוט שמעוני פרשת ויחי רמז קסב) אנא שא נא [נ, י"ז] אמר הקדוש ברוך הוא אתם אמרתם בלשון אנא עתיד כהן גדול ליכנס לבית קודש הקדשים ומלמד סניגוריא על בניכם בלשון הזה אנא השם. (בראשית רבתי פרשת ויחי עמוד 259) א"ר אבין הלוי, אמר הב"ה לשבטים אתם אומרים אנא, חייכם כי בלשון [הזה] כהן גדול עומד ומכפר עליכם ביום הכפורים אנא ה' כפר נא. (מדרש תנחומא (בובר) פרשת שמות סימן ב) אמר ר' אבין אמר הקדוש ברוך הוא אתם אמרתם בלשון הזה אנא, עתיד כהן גדול ליכנס לבית קדש הקדשים ומלמד סניגוריא על בניכם בלשון הזה אנא השם), אז די שבטים האבן געזאגט פאר יוסף 'אנא שא נא לפשע אחיך', פארגעב אונז, זיי אונז מוחל אויף דעם וואס אונז האבן געזינדיגט קעגן דיר, בזכות זה, האט כלל ישראל זוכה געווען אז א כהן גדול גייט אריין אין קדשי קדשים, און ער דאווענט פאר'ן כלל ישראל יעדן יאר, און ער בעט 'כפר לעמך ישראל'. אבער וואס האט איינס מיטן צווייטן? וואס האט 'מכירת יוסף' מיט די כהן גדול אין קדשי קדשים?

**„אבער אין רוחניות דארפן מיר מער אריינטראכטן און אנערקענען, אז דאס איז תלוי בידינו, נישט מיין רבי, רב, צדיק, סגולות אדער מקומות הקדושים, גארנישט קען מיר נישט העלפן, עס איז בידינו**

די תשובה אויף דעם איז - ברענגן ארויס די בעלי מוסר. די שבטים האבן פארקויפט יוסף וויבאלד זיי האבן גע'פסק'נט א שאלה אז זיי דארפן אים פארקויפן, אבער וואס עס איז געשען איז, אז זיי האבן אויסגעלאזט כביכול די השגחה עליונה פונעם הייליגן באשעפער. שפעטער ווען זיי האבן געזען אז דער אייבערשטער האט איינגעזען אין יוסף הצדיק אלס אזא נשמה קדושה אז מען האט אים געגלייבט אנצוקומען קיין מצרים, ווערן א מלך, און ער איז געווען דער מציל פון כלל ישראל עד סוף כל הדורות צו קענען אנהאלטן אין די שווערע גלות, האבן זיי געזאגט 'אנא שא נא פשע אחיך'. א כהן גדול ווען ער גייט אריין אין קדשי קדשים, ער טוט די עבודה פון יום כיפור, זאגט ער 'כפר נא', נעם די זעלבע עבודה וואס די שבטים האבן

געטון ווען זיי האבן איבערגעבעטן יוסף.

אלע עבירות קומען פון דעם טעות אז די מענטש פארגעסט חס ושלום אין די השגחה עליונה. און דאס האט אונז דער אייבערשטער געגעבן א מתנה אז ער זאגט 'כפר נא', אונז דערקענען די השגחה עליונה. היינט צוטאגס, וואס דער אייבערשטער האט אונז געגעבן אזויפיל לייזונגען פאר אונזערע פראבלעמען, דער אייבערשטער וויל אבער, אונז זאלן מכיר זיין, אז נישט די ארגאניזאציעס העלפן, נאר דער הייליגער באשעפער העלפט, נישט די מקומות הקדושים העלפן, די מקומות הקדושים איז א מקום קדוש, א מקום השראת השכינה, וואו מען איז מתפלל צום אייבערשטן, דאס איז אונזער עבודה אין די הייליגע טעג, צו אנערקענען אין די השגחה עליונה.

### אונזער גוף איז עבודת השם

וויאזוי דערקענט מען אין די השגחה עליונה? עס איז דא א רשב"א (מסכת ברכות דף י), אז ווען א איד שטעלט זיך דאווענען צום הייליגן באשעפער דארף ער מכוין זיין זיין דעת צום אייבערשטן, נישט טראכטן פון גארנישט עפעס אנדערש נאר פונעם אייבערשטן. דער רשב"א זאגט, אז אלע גשמיות'דיגע זאכן וואס אונז טוען, עסן, טרינקן, איז אונז זאלן האבן א געזונטער גוף פאר עבודת ה', פארדעם שטייט מען מיט צוזאמגעלייגטע פיס ביי שמונה עשרה, צו ווייזן אז אונזער גשמיות'דיגע גוף איז נאר צו אנערקענען אז אונזער גאנצע גוף איז עבודת ה'.

### אלע עבירות קומען דורך דעם וואס מען אנערקענט נישט אין די השגחה עליונה

דאס איז אונזער ארבעט יום כיפור, אז אונז אנערקענען אז אלע גוטע זאכן וואס דער אייבערשטער האט אונז געגעבן דורכאויס די גאנצע יאר, שרייען אונז ארויס, דאס איז אלעס השגחה עליונה, דאס איז די תשובה שלימה.

די סיבה פארוואס א מענטש פאלט דורך מיט עוונות ופשעים, רעדן לשון הרע, זיך קריגן מיט אנדערע אידן - דאס אלעס טוען אונז וויבאלד עס פעלט אונז די הכרה. אונזער עבודה איז, צו פארשטיין און מכיר זיין און אויסשרייען צום הייליגן באשעפער, אז אונז אנערקענען יא אינעם הייליגן באשעפער, און די אלע גשמיות'דיגע און רוחניות'דיגע באקוועמליכקייטן וואס דער אייבערשטער שטעלט אונז צו, איז צו טון עבודת ה' מיט א שטארקייט.

עס איז נישט דא קיין חולשת הדורות, עס איז דא א התגלות הדורות, דער הייליגער באשעפער איז זיך מתגלה צו אונז אין אונזער דור, אונז קענען אויסנוצן יעדע תנועה קלה פאר עבודת ה'.

### גלייך אנפאנג ראש השנה איז מען די מערסטע רוחניות און מען ווערט מער און מער מגושם

מען זאגט נאך פון צדיקים, אז די ערשטע טאג דאווענט מען נאר פאר

רוחניות. די צווייטע טאג דאווענט מען אויף פאר גשמיות (עי' פרי עץ חיים שער ראש השנה פ"ד, שבכל העולמות יש גוף ונשמה, פנימיות וחיצוניות, וביום א דר"ה מעלין פנימיות ונשמות העולמות, וביום ב' דר"ה מעלין חיצוניות וגוף העולמות). מען פארציילט איינמאל איז געקומען די חסידים צום הייליגן ראפשיצער רב זי"ע, פרעגן, אז לכאורה וואלט געדארפט זיין פארקערט, די ערשטע טאג איז מען נאך אריינגעטון אין גשמיות, ערב יום טוב איז נאך וואכענדיג, האט מען נאכנישט די מח צו דאווענען אויף רוחניות, וואלט מען געדארפט מתקן זיין, אז די ערשטע טאג דאווענט מען פאר גשמיות, און די צווייטע טאג איז רוחניות.

**'זה היום תחילת מעשיך', ווען ראש השנה קומט אריין ווערט די בריאה נתחדש, א מענטש ווערט אויף א נייער מענטש**

האט דער הייליגער ראפשיצער רב געענטפערט: מען זאגט ביים דאווענען, 'זה היום תחילת מעשיך', ווען ראש השנה קומט אריין ווערט די בריאה נתחדש, א מענטש ווערט אויף א נייער מענטש. שלמה המלך זאגט אין קהלת אז די שורש פון א מענטש איז כולו רוחניות, נאר דורך די יאר ווען מען האט דאגות, אדער מען טוט חס ושלום אן עבירה, קען געשען אז מען גייט אוועק פון די שורש וואס מען איז געווען א נשמה הקדושה והטהורה.

זאגט ער אויף דעם א מורא'דיגע משל, א קינד ווען ער ווערט געבוירן ווייסט ער גארנישט, ווי עלטער מען ווערט, פארשטייט מען מער, ברוחניות ובגשמיות. מען זאגט אמאל פאר א קינד און א בחור, 'ווען דו וועסט עלטער ווערן וועסטו פארשטיין'. די זעלבע זאך, ראש השנה ביינאכט איז מען כתינוק שנולד, און ער דארף שוין אריינכאפן צו בעטן עניני רוחניות, די צווייטע טאג, ווען ער האט אריינגעכאפט אין זיך פון די עניני רוחניות, קען ער בעטן אויף גשמיות, וויבאלד יעצט קען ער איינזען אז די גאנצע גשמיות איז אין שטיק רוחניות. די ערשטע טאג זאגט מען אים, ווען דו וועסט עלטער ווערן וועסטו פארשטיין. די צווייטע טאג זאגט מען, ביסט אונטערגעוואקסן, דו קענסט שוין בעטן אויף גשמיות, דו ווייסט שוין וויאזוי צו נוצן גשמיות פאר רוחניות.

### ניצן די לייכטקייט פון אונזער דור אויף עבודת השם

מען דארף אנקוקן די וועלט אויף א פאזעטיווע אופן. דער רבונו של עולם איז זיך מתגלה פאר אונז אויף אן אופן ווי קיינמאל בעפאר. יעדע זאך וואס מאכט גרינגער פאר א מענטש, ער פארט מיט א קאר אנשטאט גיין אויף די פיס, אדער פארן מיט א פערד און וואגן, ער וואשט די וועש מיט א מאשין, אנשטאט רייבן די וועש ביים טייך. דארף ער טראכטן, אז ער דארף דאס

אויסנוצן אין עבודת ה', אז ער גייט לערנען לכבוד דעם חסידות ומוסר, גמרא מיט אלע מפרשים ביז שולחן ערוך און אירע נושאי כלים.

אמאל איז געווען שווער זיך איינצוהאלטן פון רעדן פון לשון הרע, היינט, אלעס איז גרינג, איז דאס אויך גרינג. אלעס איז היינט גרינג, איז אויך גרינג נישט צו שלאפן א גאנץ שבת נאכמיטאג, נאר אויך לערנען אפאר שעה, היינט איז אסאך גרינגער נישט צו ווערן אין כעס, נישט פירן קיין מחלוקת, עסן הונדערט פראצענט כשר.

#### מען בעט זוכה צו זיין צו א ליכטיגע לעבן פארן באשעפער

דער 'אור המאיר' טייטשט: אונז בעטן 'כתבינו בספר החיים למענך אלוקים חיים'. 'ספר' איז אויך א לשון פון 'ספיר ויהלום' - לייכטן. עס איז דא א מענטש וואס פארברענגט די צייט מיט גשמיות, ארבעטן, ער זאגט נאך, אז ער איז מקיים צדקה, וויבאלד ער איז מפרנס אשתו ובניו. זאגט דער 'אור המאיר' אז נישט פארדעם ביסטו באשאפן געווארן, דאס איז נישט די עיקר. די עיקר איז, צו טון אין עבודת ה' בכל לבבך ובכל נפשך ובכל מאודך. ממילא זאגט דער אור המאיר: 'כתבינו בספר החיים' אונז זאלן זען די שיין און אונז זאלן דערהערן וואס דער אייבערשטער וויל פון אונזער לעבן.

#### בעטן גשמיות ווייל דאס איז כבוד שמים

דוד המלך זאגט אין תהילים 'מה רב טובך אשר צפנת ליראיך', עס איז דא א כלל גדול, דער אייבערשטער האט אלעס באשאפן נאר לכבודו (ישעיהו מג ז - ולכבודי בראתיו יצרתיו אף עשיתיו), אויב איינער איז מתפלל פאר 'בני חיי ומזוני' דארף זיין דערין אן כבוד ה'. לכאורה וואלט א מענטש בכלל נישט געדארפט מתפלל זיין, אבער דער אייבערשטער איז 'מתאוה לתפילתן של צדיקים', מעג מען בעטן פאר פריוואטע צרכים, אבער איך דאווען צו טון רצון ה', און דעמאלסט קומט אראפ אלע גוטע זאכן און השפעות טובות.

#### אין די שפע פון באשעפער ליגט אויך רוחניות

דער הייליגער רבי פון לובלין זי"ע האט געזאגט (זרע קודש פ' תולדות ד"ה קטונתי): ער דאווענט אויף א מענטש, אז ער זאל האבן פרנסה בריוח, און מיט די שפע זאל ער האבן יראת שמים, וויבאלד די שפע פונעם אייבערשטן איז כולו טוב, עס איז נאר גוט, מוז דאך אויך דארט זיין יראת שמים אז נישט איז עס נישט טוב.

#### די חיות פון די גשמיות גיבט חיות אויך פאר די נשמה

ממילא, יעדע מענטש ווען ער שטעלט זיך דאווענען אויף צרכי הגוף, דארף זיין נכלל צרכי הנפש. וויבאלד טאמער נישט, האט ער נישט באקומען א גוטע זאך, 'מזון וצידה השביע לנפשינו', די חיות הקודש וואס ליגט אין די מזון, דאס איז מחיה לנפשינו, סיי פאר די גוף און סיי פאר די נשמה.

דאס איז אונזער עבודה אין די הייליגע טעג, דאס איז אונזער תפילה בגשמיות וברוחניות, דאס איז אונזער עבודה אין תשרי, דאס איז אונזער תפילה צו אנערקענען אז 'אין עוד

מלבדו,' וידע כל פעל כי אתה פעלתו ויבין כל יציר כי אתה יצרתו' איז טייטש: אז א מענטש זאל דערהערן אז טוב בגשמיות איז נאר, ווען עס גייט צוזאמען מיט רוחניות.

**ביי מעריב די ערשטע טאג ראש השנה איז מען די מערסטע נשמה'דיג**

אין שאלות ותשובות 'שיח יצחק' ברענגט ער, אז ער וויל זאגן א נייע טעם פארוואס מען זאגט 'לדוד מזמור' ראש השנה ביינאכט, עס איז אפילו דא קהילות וואס מען זינגט ראש השנה 'וישאו כל לעבדך' אזיווי עס ווערט געברענגט אין אלף המגן, די שיטה פון דער 'בעל המאור' איז, אז מען זאל דערמאנען 'מלכיות זכרונות שופרות' ביי אלע תפילות ראש השנה, מעריב שחרית מוסף מנחה, אפילו אונז פסק'נען נישט ווי דער בעל המאור, אונז מאכן אבער א זכר, אונז זאגן ביי מעריב 'לדוד מזמור' וואס איז דא אין דעם די פסוקים פון מלכיות, פאר שמונה עשרה זאגט מען 'תקעו בחודש שופר' האט מען דערמאנט שופרות, און מען זאגט 'יעלה ויבא... ויזכר זכרונינו' דאס איז זכרונות. אזוי זאגט מען אויך ביי מעריב 'מלכיות זכרונות שופרות.'

> **'וידע כל פעל כי אתה פעלתו ויבין כל יציר כי אתה יצרתו' איז טייטש: אז א מענטש זאל דערהערן אז טוב בגשמיות איז נאר, ווען עס גייט צוזאמען מיט רוחניות**

לויט די פריערדיגע ראפשיצער רב שטימט עס זייער גוט, ביי מעריב קען מען עס זאגן ברמז, וויבאלד עס איז נאך אנהייב טאג, מען איז כקטן שנולד, און מען קען עס דערמאנען ברמז. די נשמה כאפט רמזים, אבער שפעטער אין טאג איז מען שוין אביסל מער מגושם, קען מען עס נישט זאגן ברמז.

**די דערהער פון 'מלכיות זכרונות שופרות'**

וואס איז 'מלכיות' זכרונות ושופרות'? 'מלכיות' האבן אונז געזאגט, צו געדענקן אז יעדע זאך טוט מען לכבודו יתברך. 'זכרונות' איז, צו געדענקן ווען עס גייט שווער אדער גרינג, זאל מען געדענקן אז עס איז דא א באשעפער אויף די וועלט, א השגחה עליונה. און 'שופרות' איז די ענין פון מתן תורה, גאולה, בלאזן ביי אונז איז 'חכמה ואינה מלאכה,' עס ליגט אין דעם 'ראשית חכמה יראת ה'".

**מען דארף אפהיטן שטארק די נייע נשמה וואס מיר באקומען**

ווען א מענטש קויפט א נייע הויז, אנפאנג היט ער עס, אז מען זאל נישט אנרירן די נייע פורניטשער, ווען מען קויפט א נייע בעקיטשע, פון אנפאנג היט מען עס שטארק אפ, אזוי איז יעדע זאך, ווי טייערער עס איז, אלס שטארקער און לענגער היט מען עס. אונז דארפן עס אויך טון ברוחניות. אפהיטן די נשמה הקדושה, די נייע

נשמה וואס אונז באקומען ראש השנה ביינאכט. משה רבינו האט געזאגט ביי קריאת ים סוף 'התיצבו וראו את ישועת ה' אשר יעשה לכם היום', 'היום' גייט ארויף אויף ראש השנה, אלע מיני ישועות פון א גאנצע יאר איז תלוי אין ראש השנה, עס איז נישטא קיין סוף און גבול אין די חסדים פונעם אייבערשטן, אונז האבן נישט קיין השגה אין דעם, אונז זענען מקבל אויף זיך די השגחה עליונה זיך סומך צו זיין נאר אויפ'ן אייבערשטן.

### אונזער אמונה און בטחון בלייבט דורך זיך האלטן צו די מסורה

וויאזוי גייט בלייבן אונזער אמונה ובטחון? דורכ'ן טון אלע מסורות ומנהגים מסורת אבות, מיט א מורא'דיגע הכנעה צום אייבערשטן. 'התיצבו וראו את ישועת היום', שטייט און קוקט די ישועת היום וואס דער אייבערשטער גייט טון היינט, אונז דארפן שרייען 'יתגדל ויתקדש שמיה רבה' וויבאלד דאס איז אונזער חלק.

### אלעמאל זיך טרעפן די עבודת השם אין די מצב

פארוואס דארף מען זאגן א דאפלט לשון 'שנהיה לראש ולא לזנב', האסט דאך שוין געזאגט 'שנהיה לראש'? רבי יעקב גאלינסקי ז"ל האט געזאגט: ווען ער איז געווען אין געטא, האט ער געטראפן אן עלטערע גוי וואס איז געווען א גרויסער מחנך אין ליטא, רבי יענקל האט פרובירט אויפצולעבן דעם גוי. האט אים דער גוי געזאגט 'וואו קען מען זיין בשמחה, מען ווערט דאך פארברענט?'. האט ער געטראכט: אז אפילו מען איז נאך דא צוואנציג יאר, קען ער דינען דעם אייבערשטן. האט ער געגעבן דעם אייבערשטן אז ער זאל זיך קענען האלטן ביי אידישקייט. שפעטער ער האט געזען ריכטיג וואס עס גייט פאר, אז עס איז א שאלה פון לעבן אדער טויט, האט ער געדאווענט אז ער זאל קענען קומען לקבר ישראל. שפעטער ווען ער האט איבערגעלעבט, האט רבי יעקב געזאגט: מען דארף טרעפן אין יעדע זאך אן עבודת ה', אפילו אין די ערגסטע מצב האט ער געטראפן א תפילה לעבודת ה', ער זאל קומען לקבר ישראל, און פארדעם איז ער געווארן אזא אנגענומענער מגיד ביים כלל ישראל. ממילא האט ער געזאגט: יעצט פארשטייט ער שוין פארוואס מען זאגט א דאפלט לשון: 'ונהיה לראש' מען זאל זיין א ראש, אבער 'ולא לזנב' ער זאל נישט ווערן א ראש אין א מצב פון א זנב, אין יעדע מצב אפילו ווען מען האט א נפילה, קען מען זיין א ראש.

### א תפילה מעומקא דלבֿ ווערט אנגענומען

די גמרא זאגט (יומא נג:), פאר דער כהן איז ארויסגעגאנגן יום כיפור פונעם קדשי קדשים, האט ער געבעטן א תפילה קצרה, אז ווען די עוברי דרכים בעטן אז עס זאל נישט רעגענען, זאל דער אייבערשטער נישט אננעמען די תפילה. פרעגט יעדער איינער: דאס איז די בעסטע תפילה וואס מען דאווענט יום כיפור? וואס דארף ער דאס דאווענען? ענטפערט דער פאניוויזשער רב ז"ל, אז דער איד וואס דאווענט דערויף, איז זייער א פראסטער איד, ער דאווענט

פראסטערהייט, אבער ער דאוועגט מעומקא דליבא. האט דער כהן גדול געמוזט בעטן אין קדשי קדשים, אז דער באשעפער זאל נישט אננעמען די תפילה, וויבאלד ווען א איד דערקענט מעומקא דליבא אז קיינער קען אים נישט העלפן נאר דער אייבערשטער, ווערט נתקבל זיינע תפילות, אפילו עס איז נישט גוט פאר די וועלט.

**ווען א איד דערקענט מעומקא דליבא אז קיינער קען אים נישט העלפן נאר דער אייבערשטער, ווערט נתקבל זיינע תפילות**

### ווען מען ווייסט אז נאר דער באשעפער קען העלפן ווערן אנגענומען די תפילות

מען זעט ביי די מעשה פון חנה, אלקנה האט געהאט א מנהג ארויפצוגיין פיר מאל א יאר צו די בית המקדש, שלוש רגלים און ראש השנה אויך, אלקנה האט געגעבן פאר חנה אייביג דאפלט, וויבאלד ער האט איר בעסער ליב געהאט, מער פון פנינה. אלקנה האט איר איינמאל געפרעגט: איך האב דיר אזוי ליב ווי צען קינדער, פארוואס וויינסטו? איז זי געגאנגען וויינען ממרת נפשה און געדאווענט צום אייבערשטן אז זי זאל האבן א קינד. וואס איז פשט? וויבאלד ווען אלקנה האט איר דאס געזאגט, האט זי געזען אז אלקנה איר מאן, דער צדיק, האט שוין אויך אויפגעגעבן, איז זי געגאנגען וויינען צום אייבערשטן, וויבאלד נאר ער קען איר העלפן, און דאס איז טאקע געווען די סוף, אז זי האט געהאט א קינד.

הייליגע לעכטיגע אידישע קינדער, עס קומט די הייליגע טעג, אונז גרייטן זיך מיט א געוואלדיגע הכנה צו התגלות כבוד שמים. אונזער דור האט זוכה געווען צו א געוואלדיגע לייכטקייט, אבער מען דארף אנערקענען אין דעם אייבערשטן. דער הייליגער באשעפער זאל העלפן אלע אידן מיט א גוט געבענטש יאר, דער הייליגער באשעפער זאל שיקן עשירות וואס איז כולו טוב, און האט שוין יראת שמים, און אונז גייען טון אונזער חלק, אונז גייען אלעס טון פאר עבודת ה', אונז וועלן לעבן מיט אמונה און בטחון, אונז וועלן קענען דאווענען, און אונז זאלן זוכה זיין צו א גוט געבענטש יאר, און צו ביאת גואל צדק, במהרה בימינו, אמן.